**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/27/2024

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז ברייט און שיהאן וועלן דינען אויפ'ן פובליק סערוויס קאמיסיע**

***ניו יארק סטעיט סענאט באשטעטיגט דאס אויפנעמונג פון אושענא ברייט און דעניס שיהאן פאר די פובליק סערוויס קאמיסיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט סענאט האט באשטעטיגט אושענא ברייט און דעניס שיהאן צו דינען אלס קאמיסיאנערן פאר די ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע (PSC). אין איינקלאנג מיט די פובליק סערוויס געזעץ, זענען מיסעס. ברייט און שיהאן נאמינירט געווארן דורך גאווערנער האקול און באשטעטיגט געווארן דורך די סטעיט סענאט.

"אין זייער נייע פאזיציעס, וועלן אושענא ברייט און דעניס שיהאן שפילן א וויכטיגע ראלע אין פארזיכערן א זיכערע, פארלעסליכע און ביליגערע ענערגיע גריד פאר אלע ניו יארקער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ביידע קאמיסיאנערן וועלן ברענגען אייגנארטיגע און אומשאצבארע קענשאפטן צו די PSC אין דעם וויכטיגע צייט פאר ניו יארק'ס ענעגיע צוקונפט."

מיס. ברייט איז אן ערפארענע ריינע ענערגיע פראפעסיאנאל מיט איבער 20 יאר ערפארונג אין ארגאניזירן מענטשן, פראיעקטן און געדאנקען. זי איז פארדעם געווען מיט די נאטורליכע ריסאורסעס פארטיידיגונגס קאונסיל און האט א לאנגע היסטאריע פון בויען צושטימונג, אריינברענגען פארשידענע סטעיקהאלטער, און אנטוויקלען פלענער צו אדרעסירן ענערגיע, ענווייראמענטעל, עקאנאמישע און געזעלשאפט פראבלעמען און זי האט געלייגט געוויכט אויף סטראטעגישע ענערגיע פלאנירונג צו צושטעלן עקאנאמישע און קאמיוניטי אנטוויקלונג. מיס. ברייט האט אסאך געארבעט מיט ביזנעס פירערס, ערפינדער, נייע ביזנעס לייט און אנדערע ביזנעס פראפעסיאנאלן צו פארשפרייטן שטארקע ענווייראמענטאלע פאליסיס אלס דער ערמעגליכער פאר א געזונטע, בליענדע און גלונגענע עקאנאמיע אינעם צייט פון זיין ביי Environmental Entrepreneurs (ענווייראמענטאלע נייע ביזנעס לייט), א ביזעס אנגאניזירנדע גרופע.

מיס. שיהאן האט איבער 35 יאר פון ערפארונג אין מענעדזשמענט אין די רעגירונג און אין נאן-פראפיט באפעלקערונגען. זי האט פריער סערווירט פאר 10 יאר אין דער ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע אפהיטונג דעפארטמענט אין היכראנגיגע מענעדזשמענט פאזיציעס, אריינרעכענענדיג צוויי יאר אלס קאמיסיאנער, וואו זי האט אנגעפירט באמיאונגען צו וואקשטעלן די פאלק'ס ערשטע קעפ-און-אינוועסט פראגראם פאר קארבאן עמיסיעס. מיס. שיהאן האט אויך געדינט אלס הויפט עדווייזער צו די ניו יארק באטערי און ענערגיע סטארעדזש טעכנאלאגיע (NY-BEST) קאנסארטיום.

**פובליק סערוויס קאמיסיע טשעיר רארי מ. קריסטיען האט געזאגט,** "איך וויל קאנגראטולירן און אויפנעמען אושענא ברייט און דעניס שיהאן צו די PSC. גאווערנער האקול'ס אויפנעמונגען, יעצט באשטעטיגט דורך די סענאט, ברענגט א וועלט פון וויסנשאפט און ערפארונג וואס וועט זיכער העלפן די

PSC נאכקומען די ריינע ענערגיע פארלאנגען פארגעשטעלט דורך די קלימאט אקט, און אינעם זעלבן צייט אויך ערפילן די PSC'ס הויפט געזעצליכע פאראנטווארטליכקייטן פון פארזיכערן זיכערע, פארלעסליכע און ביליגערע יוטיליטי סערוויסעס."

**מיס. אושענא ברייט האט געזאגט,** "איך קוק ארויס צו סערווירן ניו יארקער אין דעם נייעם ראלע ביי די PSC, און דאנק גאווערנער האקול פאר דאס געלעגנהייט צו זיין א טייל פון דעם קריטישע מאמענט אין די סטעיט'ס ריינע ענערגיע איבערגאנג. איך בין אנטשלאסן צו שטיצן די קאמיסיע'ס הויפט פאראנטווארטליכקייט צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן פארלעסליכע, ביליגערע, און זיכערע יוטיליטי סערוויס."

**מיס. דעניס שיהאן האט געזאגט,** "עס איז מיר א כבוד צו זיין אויסגעוועלט דורך גאווערנער האקול צו דינען אויף די פובליק סערוויס קאמיסיע. אין די נייע פאזיציע, קוק איך ארויס צו ארבעטן שטארק צוזאמען מיט אלע קאמיסיאנערן צו בויען א ריינע און ביליגערע ענערגיע סיסטעם."

די קאמיסיע רעגולירט דער סטעיט׳ס עלעקטרישע, גאז, הייצונג, טעלעקאמוניקאציעס, טעלעפאן און פריוואטע וואסער יוטיליטיס. די קאמיסיע איז פאראנטווארטליך צו פארזיכערן זיכערע און פארלעסליכע יוטיליטי סערוויס אויף גלייכבארעכטיגטע און פארשטענדליכע ראטעס.

די קאמיסיע קען באשטיין פון ביז זיבן מיטגלידער, יעדע איינס באשטימט דורך דער גאווערנער און באשטעטיגט דורך דער סטעיט סענאט פאר א טערמין פון זעקס יאר אדער צו ענדיגן א טערמין פון א געוועזענער קאמיסיאנער וואס איז נאכנישט אויסגעלאפן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן